# נ׳ח פּאַנדרע

### 1.

צי „פּאַנדרע” איז אַ כשרער פּאַמיליע-נאָמען, צי אַ צונעמעניש, צי אַן אָנשפּיל אויף זיין גויעשקען אויסזעהן—דאָס קען מען אָצינד אויף זיכער ניט זאָגען. דער דור זיינער איז אויסגעשטאָרבען — דער קצבישער דור, פון וועלכען עס האָט געשלאָגען מיט רויקייט און מיט גבורה אויף ד׳ אמות.

נאָר אַז ער האָט געהייסען נח, דאָס איז געוויס.

אַ קצב בן קצב. אין די באַקען איז איהם געלעגען דאָס רויע פלייש און אין די אברים אַן אָקסענער כח. דער גרויסער קיילער-האַק איז ביי אים געגאַנגען אין די הענט, ווי אַ געצייגעל אין די פינגער פון אַ מייסטער. די יאַטקע-קלאָץ פלעגט אויפציטערען ווען ער פלעגט צו איהר צוגעהן. אַ האַלבע זייט פון אַ בהמה פלעגט ער איבערקעהרען, ווי אַ ניט-דערבאַקענע מצה אין אויווען. אַלע קצבים האָבען פאַר איהם מורא געהאַט. כאָטש ער איז נאָך דאַן קיין גאַנצע ניינצעהן יאָהר ניט אַלט געוועזן.

מ׳האָט דערצעהלט, אַז ער האָט צוויי רויטע רייפען אויפן בויך — אַ דייטליכער סימן פון זיין מוראדיגער גבורה. שמחהלע-מורעדו דער שכור — נח פּאַנדרעס שכן אין די יאַטקע-געוועלבלעך — פלעגט ניט אַלעמאָל האָבען גענוג כח צוקיילען די גראָבע קנאָכענס פון אַן אַלטען אָקס. מייסטענס נאָך אַ גוטען טרונק אין דער פאָריגער נאַכט... פלעגט ער הייזעריג צורופען זיין יונגען חבר פון פאַך:

— קום, העלך, ברודערקע!

ניט רעדענדיג קיין וואָרט געהט נח צו, לאָזט אַראָפּ די האַק איינס און צוויי און די זאַך איז געמאַכט, די ביין איז געבראָכען. שמחהלע טורערו מיט דער אָנגערוקטער באַראַשקענער פאַרשפּיצטער היטעל איבערביידע אויערען, שטעהט אָן דער זייט און גלאָצט פאַרגאַפט מיט זיינע פאַרלאָפענע אויגען. ער באַוואונדערט נחס קראַפט. פון גרויס באַגייסטערונג באַדאַנקט ער איהם אויף קצבישען לשון אַזוי:

— אַי, פאַנדרע, צוויי כאָלערעס מיט פיער „בן־פּקועס" דיר אין דער „צעפּצעפעכע" אַריין!

נח פאַרוויטעלט זיך אַ ביסעלע פון אַזאַ קצבישען קאָמפּלימענט און גיט שעמעוודיג אַ בורטש:

— אָבער געדענק, שמחה גנב, עס קומט פון דיר אַ טרונק בראָנפען!

און שמחהלע פאַרזיכערט איהם מיט גרויס ליבשאַפט:

— וועסט קריגען, וועסט קריגען, אַ „סרחה" דיר אין דיין טרפהנער ריאהקע אַריין!

אָבער ניט די שווערע שינד־אַרבייט אין שעכט־הויז, ניט דאָס קיילצען אין טאַטענס יאַטקע, ניט דאָס העלפען זיינע שוואַכערע חברים אויף די פאַרבלוטיגטע ברייטע קלעצער אַרום איהם, איז גענוג געווען אָפּצוזאַפּען זיין כח און אויסצופאַרען פון איהם די היציגקייט פון אַ יונגען אָגער. יעדע דינסט־מויד, וואָס קומט מיט'ן קאָשעק איינצוקויפען, פלעגט פון איהם קריגען אַ קניפּ און אַ בליאַסק מיט די גרויע גרויסע אויגען און מיט די ווייסע צייהן. די מוידען פלעגען עס מקבל באהבה זיין פון אַזאַ שענעם יונג ווי נח פאַנדרע איז געווען. און טאָמער האָט איינע אומגערן אַ קוויטש געטאָן, פלעגט זיך אויף איהר נח צעברומען מיט אַ משונהדיגען בת־קול, ווי פון אַ חורבה אַרויס:

— בהמה, האָסט דאָך געוואָלט שפּאָנדרע, טו נאַ דיר שפּאָנדרע!

דערביי נאָך אַ מאָל אַ קוועטש געטאָן דעם מעקני־פענעם אָרט.

מיט רויטע בלוט־פלעקען אויף די ווייסע קאָפּטלעך און מיט בלויע פלעקען אויף די לייבער, אונטער די קאָפּטלעך, פלעגען די אויסגעפּאַשעטע, גבירישע דינסטמוידען קומען אַהיים, פלעגען שטילערהייט באַטראַכטען נחס צייכענס און געווען פאַר איהם די כּפּרה. איין דינסטמויד פאַר דער צווייטער האָט זיך כּלומרשט געקלאָגט:

— ברוין און בלוי האָט ער מיך דאָך געמאַכט דער פאַנדרע, אַ בּרזָך זאָל אויף איהם קומען!

פאַרקאַטשעט איהר חברטאָרין דאָס קאָפּטעל און באַווייזט אַ יצר־הרעדיגען, טונקעלען פלעק אונטער דער סאַמע ברוסט, און די אויגען פלאַקערען איהר דערביי. ס'געהט איבער, ניט־ווילענדיג, אין אַ מין באַריהמעריי צווישען סאָלדאַטען, ווער ס'האָט, פאַר גוט שיסען, באַקומען מעהר אויסצייכענונגען... וואָס מעהר אַזעלכע ליבע־צייכענס אַלץ נעהנטער, הייסט דאָס, איז מען צו נחן, „אַ בייזער יאָהר אויף איהם!..” אַלץ מעהר לייטזעליגקייט, הייסט דאָס, האָט מען געפונען אין זיינע אויגען.

און ניט אומזיסט זיינען די מוידען אַזוי פאַרקאָכט אין זיינע „קנייפ־מעדאַלען”. אויסער דעם, וואָס ער איז אַזאַ גבור, איז ער נאָך אַ קראַסאַוועץ אַ יונג. זיין שוואַרצע טשופּרינע פאַלט ווי אַ שטורעם אַראָפּ איבער זיין ווייסען, פּירקאַנטיגען שטערען, זיינע גרויע און אָפענע אויגען זיינען איינגעראַמט אין שוואַרצע זעהר לאַנגע וויעס. זיינע ליפען זיינען שטייף און שען געשלענגעלט אונטער שוואַרצע זיידענע וואָנסעלעך. און גיט ער אַן עפען אַ מויל — גייט עס אַ בלענד אין די אויגען פון ווייסקייט. עס באַקומט זיך דאַן אַ מין קליינער, פרישער רעגענבויגען פון שוואַרצע וואָנסעס, מאַלינע ליפען, ווייסע ציינער און ראָזיגע יאַסלעס. אמת, די באַקען זיינען ביי איהם אַ ביסעל צו רויט. אויך מיר אַ חסרון! ווי דען־זשע זאָל אַ קצב אויסזעהן?

דערפאַר אָבער די שטיוועל מיט די לאַקירטע כאָליאַווצעס, וואָס ער טראָגט שבת און יום־טוב — אַ כּפּרה פאַר זיי אַלע קאַמאַשען מיט רעזינקעס און אַלע געווענטעטע הויזלעך פון די באַלעבאַטישע יאָלדען! „בוטילקעס” (בוטלען) הייסען אַזעלכע

שטיוועל מיט לאַקירטע כאָליאַוועס, און זיינען אין דער גרויסער מאָדע ביי קצבים און ווילע־יונגען. די הערצער פון דינסט־מיידלעך און נייטאָרינס ווערען פאַרפּרעגעלט און פאַרשרפעט פון וייער בליאַסק.

ביינאַכט, אין ענגע געסקעס, צווישען קרויט־גערטנער און סעדער, ווען מען דערהערט נהס שטילען ב׳וב־באַס און אַ פאַרשטיקטען ווייבערשען געלעכטער — ווייסט מען, אַז דאָס שפילט ער זיך מיט זיינע כלות. וויפיעל כלות האָט ער? מען דערצעהלט, אַז אַ רעכט שפּאָרעוודיג ביסעל. זלידנע פאַרקרימטע באַלעבאָסטעס באַריידען איהם, און פרומע באַלעבאַטים טענהן, אַז מען האָט געדאַרפט אסרן זיין יאַטקע. וואָרים אַזאַ חברה־מאַן איז מסוגל אויף אַלץ... נאָר ביי די דינסטמיידלעך וועט מען עפּעס אויספיהרען? זאָג זיי יאָ און זאָג זיי ניט — וועלען זיי אַלץ קויפען ביי נח פאַנדרע׳ן. און רעד מיט זיי און וואָרען זיי — וועלען זיי אַלץ טענהן, אַז אַזאַ עהרליכע זאַך ווי פאַנדרע איז גאָר אין שקלאָוו נישטאָ. יאָ, קנייפען, אַ בראָך צו איהם, קנייפט ער זיך, אָבער קיין אידישע טאָכטער וועט ער ניט אומגליקלעך מאַכען...

שטעהען טאַקע אַרום זיין קלאָץ, אין דער פריה, טאָג־איין טאָג־אויס, אַלע שעהנע דינסטמוידען מיט די קאָשיקעס אין די הענט און וואַרטען געדולדיג ביז נח וועט זיי אָפּוועגען אַ חלק פלייש און שענקען אַ קניפּ.

ס׳פאַרשטעהט זיך, אַז כון שפּילען זיך צווישען טונקעלע גערטנער און קנייפען זיך קען אַזאַ יונג, ווי נח, ניט געהאָלפען ווערען. נו, און אויב אָנהויבען זיך מיט אַ אידישער טאָכטער — מוז מען דאָך מיט איהר גלייך חתונה האָבען. אָבער ווי אַזוי זאָל פאַנדרע חתונה האָבען, אַז דעם „פריזיוו״ איז ער נאָך ניט אָפּגעשטאַנען?.. וואָלט דאָך געוועזן זעהר ביטער. וואָס־זשע טהוט אָבער גאָט? — זיינען דאָ גויות אויף דער וועלט. זעהט מען טאַקע ר׳ נחן אַרויסשלייכען זיך פון שייערס אויף „פּראָנצאָווקע״ און פון איינזאַמע שפּייכלערס, ווייט הינטער די גויעשקע געסלעך. מענשען מיט אויערען האָבען אַפילו געהערט פאַרדעכ־

טיגע שטילע קולכער, וואָס רופען נחן נאָך; עפּעס גויעש-טרויעריג און פאַרבענקט רופען זיי:

— „נאָי, ראָדנאָי" !... קום מאָרגען אויך!

דיזעלבע מענשען וואָלטען געקענט שווערען, אַז זיי האָבען אַפילו געזעהן, ביי אָט די מאָדנע באַגעגענישען. אויפגעבונדענע קאָפּ-טיכער, צופּאַטעלטע פלאַקסענע האָר, אויפגעריסענע העמדער פון גראָבען פויערשען לייווענט... נאָר גיה קוק זיך ביינאַכט צו ווער דאָס איז און וואָס דאָס איז! נייגעריגע האָבען אַפילו יאָ געפּרובט. האָבען זיי באַקומען אַ פּלעם איבערן האַלז און נאַקען אין אַ שליידער אַוועק, אַז זיי האָבען שוין פאַרזאָגט אַ צעהנטען. הכלל, אידען, ווּו מען זעהט ביינאַכט פאַנדרעס שאָ-טען — דאַרף מען זיך האַלטען אויף אַ מייל פון דערווייטענס!...

.2

אָבער ניט-קוקענדיק אויף דעם, וואָס ביי נחן אַליין איז אַ פלייסיגע גויע אין אַ מילכיגען שפּייכלער ניט אינגאַנצען טריף, איז ער גופא דוקא אַ שטיקעל מקפיד אויף גויעשע צניעות. וואָרים וואו ער דערטאַפּט אַ שגץ מיט אַ פאַרליבטער שיקסע — טרייבט ער זיי אַרויס ווי היהנער פון שטייג. און אָפּטמאָל, אַז ס'איז איהם גאָר פרעהליך אויפן האַרצען, איז ער מכבד מיט קלעפּ אויך.

איינמאָל, ראַנעצקע, געהענדיג פון שעכט-הויז, האָט ער ערגעצוואו, הינטער קוסטעס, דערשמעקט אַזאַ גויעשקען „ער" מיט אַ „זי". האָט ער זיי פעסט צוגעהאַלטען מיט איין לאַפּע, ווי מען האַלט צו צוויי איינגעביסענע גליטשיגע העכט, און מיט דער צווייטער האַנט צוזאַמענגעבונדען זיי מיט'ן לאַנגען קצבשען גאַרטעל — פונקט אַזוי ווי ער האָט זיי געפונען. אַרויפגעוואָרפען דאָס פּאָרל אויפן פּלייצע און אַוועקגעטראָגען זיי צאַפּעלדיגע און שרייענדיגע איבער גאַנץ שטאָדט, אַזוי ווי פנחס בן אליעזר, אין חומש, האָט אַוועקגעטראָגען דעם געשטאָכענעם איש-ישראל

מיט דער גויע מיט זיינער, מיט דער „מדינית״... ער האָט אַזוי די לעבעדיגע, האַלב־נאַקעטע משא דערטראָגען ביזן גאַניק פון קאַזיאָנעם ראַבינער און זיי דאָרטען אַראָפּגעלאָזען. פאַר וואָס גראָד ביים קאַזיאָנעם ראַבינער אויפן גאַניק? ס'איז געווען אַ שטיקעל נקמה. דער שקלאָווער קאַזיאָנער ראַבינער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַרויסגעבען נאָך פאַנדרען אַ מעטריקע מיט אַ שטעמפּעל. פאַנדרעס טאַטע האָט אַפילו געטענהט, אַז ער מוז עס האָבען נויטיג צום „פּריזיוו״, כדי מאַכען נחקען, באַצייטענס, אַ „ווטאָרע־לגאָטע״, וואָס קומט איהם לויטן זאַקאָן, מחמת נחס צווייטער ברודער איז מיט אַ סך יאָהרען אינגער פאַר איהם. און נעמט מען נחן אַוועק פאַר אַ סאָלדאַט בלייבט ער, דער קראַנקער טאַטע, אָהן אַ שטיץ, און מ'מעג די יאַטקע אין גאַנצען צושליסען.

דער קאַזיאָנער ראַבינער האָט אָבער געטענהט, אַז טאַטע־מאַמע האָט פאַרגעסען מעלדען וועגען נחס ברית, און ער האָט ניט, פשוט, וואָס אויסצושרייבען פון די קאַזיאָנע ביכער... טאַ זאָל ער זיך שטעלען צום „נאַרוזשנעם־וויד״...

נאָר גער שטעל זיך פאַר פּאָניעס מבינים, זיי זאָלען דאָס אָפּשאַצען נחס יאָהרען! אַז מיט פופצעהן יאָר האָט שוין דער יונג אויסגעזעהן ווי אַ בייבאַק פון צוואַנציג.

איז אַוועק אַ שנאה צווישען פאַנדרעס משפחה און צווישען שקלאָווער קאַזיאָנעם ראַבין.

אַצינד, אַז דער ראַבינער מיט די ברילען איז אַרויסגע־לאָפען אויף די געוואַלדען און געלעכטערס אויף דער גאַס, האָט נח גראָד געהאַלטען ביים אָפּבינדען זיין פאַרשמאָלצענ־וועטען קצבישען גאַרטעל פון די צוויי גויעשע לייבער; ער האָט גראָד געשטעלט פאַר עדות דעם גאַנצען אָנגעלאַף, ברומענדיג און זיך ווינשעוועדיג מיטן עולם:

— מזל טוב, מזל טוב!.. אָט! למען השם!.. ניט פאַר־געסען! למען־השם איינשרייבען אין די קאַזיאָנע ביכער!

שמחת תורה האָט נח געהאַט אַ טבע צו נעמען אַן אי־בעריגען טרונק בראַנפען מיט שמחהלע טורערו. און אַרומגענומען